בעזהשי"ת

# דברי
# חיזוק והתעוררות

אשר השמיע

## כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## בעניני תפלה

למתפללי בית מדרשינו בוויליאמסבורג

יום ד' נצבים - וילך תשס"ט לפ"ק

יוצא לאור ע"י

מכון מעדני מלך וויען

# התודה והברכה

להני האברכים החשובים

הרב ר' **יואל** ברא"ש **פייערווערקער** ני"ו

והרב ר' **נחום יודא שווארץ** ני"ו

**עבור התמסרותם להעתקת הדרשה**


להשיג אצל

מכון מעדני מלך וויען

185 Wilson St.

Brooklyn N.Y. 11211

718.388.1751.#117

# דברי חיזוק והתעוררות
## למתפללי בית מדרשינו – בעניני תפלה
יום ד' פרשת נצבים וילך שנת תשמ"ט לפ"ק

**נתאספנו** היום יחד לעורר בימי התשובה אלו, ימי רחמים ורצון, על כמה דברים העומדים על הפרק, ובעיקר ענין התפלה. ואם כי מרבים לדבר תמיד בחשיבות ענין התפלה, מכל מקום אקוה שאסיפה מיוחדת למתפללי בית מדרשינו במיוחד, יתקבלו יותר, ויעשו הדברים רושם.

**שלמה** המלך אומר (משלי כז-כב) אם תכתוש את האויל במכתש בתוך הריפות בעלי, לא תסור מעליו אולתו. ופירש הגאון רחמ"ד ווייסמאנדל זצ"ל דבאמת גם לאויל יש תרופה, אם יסבירו לו הדברים בנחת עד שירדו לשכלו. אך כל זה הוא אם יודע האויל שהדברים נוגעים אליו, וכוונת הדברים סובבים עליו. ואם נותנים האויל במכתש וכותשים אותו היטב, גם ממנו יסור האולת, אבל אם נותנים אותו במכתש יחד עם הריפות העומדים לכתישה, אז יאמר האויל כי באמת אין הכוונה אליו כלל, והוא כשלעצמו כולו יאה וכולו נאה, רק רוצים לכתוש את הריפות שצריכים כתישה, והיות שהוא נפל במקרה להמכתש, על כן כותשים גם אותו, ואינו מבין כי הכתישה הוא גם עבורו. ועל כן דייק שלמה המלך אם תכתוש את האויל במכתש בתוך הריפות בעלי, אז לא יסור ממנו אולתו, כי האויל צריכין ליקח במיוחד, ולומר אליו דברים ברורים, כי עליו הם מכוונים בכתישה, ואליו מגיעים הדברים ודפח"ח.

**הכתוב** אומר בפרשתנו, אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלקיכם (כט-ט). וברש"י למה נסמכה פרשת אתם נצבים לקללות, לפי ששמעו ישראל

מאה קללות חסר שתים, חוץ ממ״ט שבתורת כהנים, הוריקו פניהם ואמרו מי יוכל לעמוד באלו, התחיל משה לפייסם אתם נצבים היום, הרבה הכעסתם למקום ולא עשה אתכם כלייה והרי אתם קיימים לפניו, כיום הזה שהוא קיים והוא מאפיל ומאיר, כך האיר לכם וכך עתיד להאיר לכם (תנחומא א) ע״כ.

**ונראה** דאיתא במסכת סופרים (יז-יא) קמ״ז מזמורים שכתוב בספר תהלים, כנגד שנותיו של יעקב, ללמדך שישראל מקלסין להקב״ה כנגד שנותיו של יעקב אבינו, מה טעם, (תהלים כב-ד) ואתה קדוש יושב תהלות ישראל ע״כ. (והובא גם בתוס׳ פסחים קיז.). ובכסא רחמים (שם) כתב, דהענין הוא על פי מה שמבואר במדרש רבה (בראשית סח-יא) דיעקב אבינו לא שכב בבית לבן עשרים שנה, והיה קורא כל ספר תהלים, שנאמר ואתה קדוש יושב תהלות ישראל, ישראל סבא. ומאחר שהיה קורא כמה שנים תהלים, לזה היו המזמורים כנגד שנותיו ע״ה ע״כ.

**וביתר** ביאור, כי יעקב כל שנות ימי חייו היו חיי צער, וכמו שאמר בעצמו מעט ורעים היו ימי שני חיי (בראשית מז-ט), ועוד במעי אמו היה עשו רודף להרגו, והוצרך להתגדל יחד עם רשע כמותו, ושוב הוצרך לברוח כי מתנחם אחיו להורגו, ונטל ממנו כל ממונו, ושוב יושב בבית לבן, ארמי אובד אבי. ואיתא בספר חסידים (אות תתסנ״ז) שכל הימים הללו לא נכנס לתוך ביתו של לבן, שלא יגרר אחריו ע״ש. והוא מוסר השכל איך יש להתרחק משכן רע. ושוב צער גידול בנים, צרת דינה, וצרת יוסף וכו׳. ולכן התדבק עצמו בתפלה ובאמירת תהלים שירות ותשבחות, להתפלל אל ה׳ בעת צרה, ולמצוא חיזוק ועידוד באמירת תהלים, עד שכאשר באו מים עד נפש, וצעק מאין יבא עזרי, התחזק תיכף ואמר עזרי מעם ה׳ עושה שמים וארץ. — ולכן מזמורי תהלים הם מכוונים נגד שנותיו.

**וכמו** כן אנו, מוקפים אנחנו מצרה וצוקה מכל פינה, מצב הפרנסות קשה מאד, יש הרבה שלא מספיק להם פרנסתם מדי שבוע בשבוע. גם מה שיש להם בא בזיעת אפים. יש בעיות של בריאות בהרבה בתים, הוא ובני ביתו ובניו, עם טיפולים שונים, וחסר חיי נחת בגשמיות וברוחניות. — ועל

כולם צרות עצמו, שחיים במקום ובתקופה שאומות העולם זרקו כל הגדרים והסייגים, ומשוקעים בבוץ התאוה והפקירות, ועל ידי הכלים השונים, ואפילו רק בהסתובבות בחוצות, נופלים גם אנו בבוץ. ואין עצה כנגד זה רק להרבות בתפלה ובאמירת תהלים, כמו שעשה יעקב אבינו. ורק בכח התפלה והדביקות בה', נוכל להתחזק, וכמו שנתעלה יעקב אבינו בעצמו לבחיר האבות, ובניו נתגדלו לשבטי י-ה.

**ואיתא** בחתם סופר (ריש פרשתנו), דמספר הקללות שבתוכחה, צ"ח במשנה תורה ומ"ט בתורת כהנים, הם ביחד גם כן מספר קמ"ז, כי המזמורי תהלים וזכותו של יעקב יכולים להגן נגד הקללות הללו ע"כ. – ולכן כאשר שמעו ישראל, שכאשר יעברו על מצות ה' יבואו עליהם הקללות הללו, הוריקו פניהם ואמרו מי יוכל לעמוד באלו, הלא אין אדם צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא, ואין יסורים בלא חטא, ויפגע בו מדת הדין למחצה ולשליש ולרביע כפי מעשיו, ומי יוכל לעמוד בזה. התחיל משה לפייסם, שידעו כי כח התפלה גדול מאד, וכמו שעבר יעקב שנות ימי חייו קמ"ז שנה לשם ולתפארת בכח התהלים. ואמרו חז"ל (ברכות כו.) אין עמידה אלא תפלה, ואמר להם משה, הרבה הכעסתם למקום ולא עשה אתכם כלייה, והוא מטעם כי אתם 'נצבים' היום כולכם, אין עמידה אלא תפלה, אמירת קמ"ז מזמורי תהלים הם מגינים נגד קמ"ז קללות הללו. ומה היום מאפיל ומאיר, כן יש להאיר בכח התפלה כל מיני אפילה, ולהתקרב בו לקונו.

**ולכן** אין עמידה אלא תפלה, כי מה שכל אחד מאתנו יוכל לעמוד איתן במצבו, ולא יכרע ברך מכובד הצרות בגשמיות וברוחניות, אין עמידה זו אלא בכח התפלה, הם מקיימין ומצבין אותנו שלא נמעד אשורינו.

**אבל** באמת יש להבין, הרי כל אחד בא לבית המדרש ומתפלל, ערב ובוקר וצהרים, ואף על פי כן לפי ראות העין לא תמיד עושה רושם, וטעמא בעי. אך הסיבה הוא, כי הן אמת שאנו אומרים תיבות התפלה, אבל לא מתפללין, כי תפלה אינו עבודה בפה, אלא עבודה שבלב, שיהיה כל נפשו כבוש בהתפלה, ותפלה הוא מלשון צמיד פתיל.

*

**די** גמרא (ראש השנה יח.) זאגט, רבי מאיר אומר שניהם שעולים למטה, צוויי מענטשן זענען נישט געזונט, זיי מוזן ליגן אין בעט, וחליין שוה, זיי האבן די זעלבע מחלה, ראובן און שמעון זענען קראנק מיט די זעלבע מחלה און ליגן אין בעט. וכן שניהם שעולים לגרדום לדון, צוויי מענטשן שטייען פאר א בית וועד וואו מ'איז דן צו מ'זאל זיי הרגענען, ודינם שוה, ביידע האבן געטוהן די זעלבע, די דין איז פאר ביידע אייניג. זעהט מען אסאך מאל, זה ירד וזה לא ירד, דער קראנקער איז אראפ פונעם בעט און ער איז געזונט געווארן, וזה לא ירד, דער צווייטער איז נישט געזונט געווארן, זה ניצול וזה לא ניצול, דער איז גע'משפט ווערן ביי דעם גרדום און איז ניצול געווארן, און דער אנדערער איז נישט ניצול געווארן. זאגט רבי מאיר מפני מה זה ירד וזה לא ירד זה ניצול וזה לא ניצול, די זעלבע חולי, די זעלבע עוולה, די זעלבע דין, איינער גייט ארוים און איינער גייט נישט ארוים. ווייל זה התפלל ונענה וזה התפלל ולא נענה, ביידע האבן געדאווענט, דעם'ס תפלה איז אנגענומען געווארן, וועגן דעם איז ער פריי געווארן און געזונט געווארן, און דעם'ס תפלה איז נישט אנגענומען געווארן.

**זאגט** רבי מאיר ווייטער, מפני מה זה התפלל ונענה וזה לא נענה, הא גופא קשיא, זיי האבן ביידע געדאווענט, פארוואס איז דער נענה געווארן און דער נישט. זאגט די גמרא, זה שהתפלל תפלה שלימה נענה, דער וואס האט געדאווענט א גאנצע תפלה איז נענה געווארן, וזה שלא התפלל תפלה שלימה לא נענה, דער האט נישט געדאווענט קיין תפלה שלימה איז ער נישט נענה געווארן. און רש"י טייטשט וואס מיינט תפלה שלימה, איין ווארט 'נתכוין', ביידע האבן געדאווענט דער האט מכוין געווען דער האט נישט מכוין געווען, דער וואס האט צוגעלייגט כוונה צו זיין תפלה האט דער אייבערשטער אנגענומען און ער איז געהאלפן געווארן, און דער צווייטער וואס האט נישט צוגעלייגט קיין כוונה צו זיין תפלה איז נישט געהאלפן געווארן.

**מען** האט שוין גערעדט דערפון אמאל, וואס טייטש לא נתכוין, האט מען שוין געהערט איינער איז קראנק ער איז נוטה למות, אדער מ'גייט דן זיין א מענטש

צו הרגענען, ער איז אן ערליכער איד, ער דאווענט, און לא נתכוין, ער בעט פונעם איבערשטן ער איז נישט מכוין, מ'גייט שיסן און ער איז נישט מכוין ביי זיין תפלה, ווי קען זיין אזא מענטש וואס זאל מתפלל זיין ולא נתכוין. נאר די פשט דערפון איז, אוודאי איז יעדער מכוין, ס'איז דא אבער אמאל וואס ער האלט נישט אז זיינע ווערטער פון תפלה וועלן עושה רושם זיין, דער אייבערשטער ווייסט דאך ממילא, ער ווייסט אז איך בין אין א צרה, ער ווייסט אז איך בין אין א פעקל, ער ווייסט וואס איך דארף האבן, די ווערטער וואס איך וועל ארויסזאגן מיט'ן מויל, און אויסגיסן דאס הארץ, דאס וועט מיר העלפן, ס'פעלט אין דעם דער אמת'דיגע כוונה. און אמאל טראכט ער, די מצב איז שוין אזוי ביטער, וואס וועט מיר שוין העלפן די תפלות, ער איז עולה למטה דער דאקטער האט אפגעזאגט, איך שטיי פאר א גרדום, רשעים אכזרים, מ'גייט הר'גענען, די תפלה וועט נאך אויף טוהן, ס'איז שוין אפילו נישט בדרך הטבע אז ס'זאל קענען העלפן. וועגן דעם קען אמאל זיין א מענטש שטייט אין א צרה, און ער דאווענט נישט קיין תפלה שלימה, ער גלייבט נישט אז זיין תפלה וואס ער וועט אויסגיסן זיך דאס הארץ פאר'ן איבערשטן וועט אים העלפן, גלייבט ער נישט דערין אינגאנצן. זאגט די גמרא וועגן דעם איז זה נענה וזה לא נענה. תפלה איז נישט מ'זאגט די ווערטער, תפלה דארף זיין מיט צו לעבן מיט די תפלות וואס ער דאווענט, און דעמאלטס ווערט ער נענה.

**און** דאס איז די כח התפלה, אונז זעמיר נישט גענוג מחשיב אונזער דאווענען, ווי אזוי א דאווענען דארף אויסצוזעהן, ליגן אין די תפלות. ס'קומט דאך די הייליגע טעג וואס איז די זמן וואס א איד קען אלעם באקומען ביי דעם אייבערשטן, ווען ער דאווענט ערליך, ער ליגט אינעם דאווענן. לעולם יקדים אדם תפלה לצרה (סנהדרין מד:), מ'דארף נישט ווארטן אינמיטן יאר, ווען ער האט א פראבלעם זיך צושטעלן דאווענען, יעצט איז די צייט צו נעמען אויף זיך דאווענען און בעטן פונעם איבערשטן, ס'איז זיכער ווי מער א מענטש וועט מתכוין זיין אין זיין תפלה, ווי מער ער וועט זיך ארײנלייגן אינעם דאווענען, וועט ער אלץ קענען מער אויפטוהן, מקדים

זיין תפלה פאר די צרה, אז ס'זאל נישט צוקומען. נישט גענוג צו זאגן די ווערטער, נאר מכוין זיין און ליגן אין די ווערטער וואס מ'זאגט, און דעמאלטס קען די תפלה עושה רושם זיין.

**אויב** דאס איז אזוי א גאנץ יאר, כל שכן די שבתים, ס'קומט שבת, און כל שכן די ימים נוראים וואס קומען שפעטער, שבת איז א יומא דנשמתין א טאג פון די נשמה, א גאנצע וואך איז מען טרוד מ'קען אפשר נישט געהעריג מכוין זיין, שבת א טאג פון מנוחה א טאג פון רואיגקייט, ער האט נישט קיין ארבעט, הייבט נישט אויף קיין טעלעפאנס, ער האט נישט זיין סעלפאן, ער האט גארנישט אויף די וועלט, און ער קען קומען אין בית ה', דאווענען נארמאל ווי א איד דארף צו דאווענען, און זיין פון התחלת התפלה ביז סוף התפלה, און אוועקגעבן זיך די שעה פאר'ן אייבערשטן, וויפיל איז ער מחוייב נעמען אויף זיך דאס צו טוהן, און וויסן אז דאס דארף זיין זיין לעבן. נישט קומען אין ביהמ"ד שפעט, תפלה דארף זיין בשעת מ'שטעלט זיך דאווענען צו זיין דארט מיט'ן גאנצ'ן הארץ.

**די** גמרא זאגט אז דער וואס איז מתפלל א תפלה שלימה ווערט נענה, רש"י זאגט אז ס'גייט ארויף אויפ'ן כוונה, איך מיין אז די פשט איז, ס'איז דא א תפלה וואס איז צובראכן, אביסל האט ער געדאווענט פריער אביסל שפעטער, אביסל האט ער געדאווענט און אביסל האט ער געשמועסט, אביסל איז ער ארויסגעגאנגן אינדרויסן, אביסל האט ער קידוש געמאכט, געטרינקען א קאווע, דאס איז נישט קיין תפלה שלימה, נעמסט דיין דאווענען און דו צוברעכסט די תפלה פאר א שברים און א תרועה. זה שהתפלל תפלה שלימה, ער שטייט ביים מלך און ער דאווענט אן קיין שום הפסק פון אנהייב ביז צום סוף, דער איז נענה, דער וואס ס'דאווענט א תפלה וואס איז נישט שלימה, וואס איז ארומגענומען מיט אנדערע זאכן אינדערמיט, דאס איז נישט קיין תפלה, ער איז מפסיק מיט'ן סעלפאן אויפצוהייבן און צו קוועטשן אינמיטן, דאס איז נישט קיין תפלה שלימה, דאס איז א תפלה וואס איז צובראכן, ווי קען אזא תפלה נתקבל ווערן.

**שטייט** אין יערות דבש (ח"א דרוש ד'), סכותה בענן לך מעבור תפלה (איכה ג-מד), זאגט ער וואס איז דער ענן וואס טוט צוריק האלטן אז די תפלה גייט נישט אדורך, זאגט ער, די דיבור פונעם מענטש געט ארויס פארע און דאס מאכט א ענן, ווען א מענטש קומט אין שוהל אריין, ער רעדט שיחה בטלה בשעת מ'דאווענט, מאכט ער א ענן אז די תפלה קען נישט ארויפגיין ווייטער, א איד דאווענט א תפלה שלימה דאס איז תפלה.

**אויב** דאס איז אזוי א גאנצע וואך, מכל שכן ווען ס'קומט שבת קודש, כ'וועל נאכזאגן א לשון פון זוהר הקדוש (פ' ויקהל רה:), מ'קען עס נאכקוקן אינעווייניג, 'כיון דעאלא עמא קדישא לבי כנישתא', ווען אידן קומען שבת אין שוהל, 'אסור לאשתדלא', טאר מען נישט רעדן, 'אפילו בצורך בי כנישתא', אפילו זאכן וואס איז נוגע פאר די שוהל, צרכי רבים. מען טאר דאך נישט רעדן אין שוהל אינדערוואכן אויך נישט, אבער לצורך בי כנישתא איז א דבר מצוה מעג מען, אבער ווען ס'קומט שבת טאר מען נישט רעדן אפילו צורך בי כנישתא, 'אלא' וואס דען רעדט מען אין שוהל, דריי זאכן, 'מילי תושבחן' שירות ותשבחות פאר'ן אייבערשטן, דאס איז פסוקי דזמרה, 'צלותא' דאווענען דאס איז די תפלת שמונה עשרה, 'אורייתא' קריאת התורה, די דריי זאכן, אויסער דעם טאר מען נישט רעדן אין שוהל עפעס אנדערש.

**שוועך** אפילו נאכצוזאגן די ווערטער וואס שטייט נאכדעם, 'ומאן דאשתדל במילי אחרינא', איינער רעדט אין שוהל עפעס אנדערש, 'ובמילין דעלמא' ער רעדט מילי דעלמא, 'דא הוא בר נש דקמחלל שבתא', ער איז א מחלל שבת, פארשוועכט דעם שבת, 'לית ליה חולקא בעמא דישראל', ער האט נישט קיין חלק אינעם כלל ישראל, 'תרין מלאכים ממנן על דא ביומא דשבתא', צוויי מלאכים זענען געשטעלט אויף דעם אינעם שבת, 'ושווי ידיהון על רישא', זיי לייגן די הענט ארויף אויפ'ן קאפ פונעם מענטש, 'ואמרי' און זיי זאגן, 'ווי לפלניא דלית ליה חולקא בקודשא בריך הוא' ער האט נישט קיין חלק אינעם אייבערשטן, 'ועל דא בעי לאשתדלא

בצלותא ובשירין ובתושבחין ובאורייתא׳, ווענן דעם ווען א איד קומט אין שוהל דארף ער עוסק זיין אין שירות ותשבחות אין תפלה און אין תורה.

**מען** דארף וויסן די חשיבות פון תפלה, דאווענען מיט כוונה, תפלה דארף זיין תפלה שלימה, דאווענען בכוונה. ווען א איד דאווענט בקול, איז קול מעורר הכוונה, ס׳איז דא וואס מ׳קומט אין שוהל אריין מ׳דאווענט שטיל פאר זיך, דער אייבערשטער איז א שומע תפלת כל פה, ער הערט זייער תפלה, אבער אז מ׳וויל באמת מכוין זיין, קען עם יעדער ביי זיך אליין פרואווען און זעהן, אז דאס וואס ער זאגט הויעך איז ער מכוין, און וואס ער זאגט שטיל איז די כוונה אסאך שוואכער, מ׳דארף דאווענען מיט א קול.

**איך** בעט יעדן איינעם, איך וויל פון דעם שבת און ווייטער איינפירן, אז דא אין שוהל רעדט מען נישט ווען דער בעל תפלה שטייט פאר׳ן עמוד, עס זאל קיינער נישט שמועסן אינמיטן דאווענען. די שעה וואס מ׳קומט אין ביהמ״ד זאל זיין א שעה וואס איז מיוחד נאר אויף תפלה און תורה. און בשעת מ׳דאווענט, און בשעת מ׳ליינט, זאל קיינער נישט רעדן קיין שום דברים של חולין. ס׳איז דא א טייל פון די אינגעלייט, וואס ער האט א מקום קבוע בשעת ער דאווענט און א מקום קבוע בשעת מ׳ליינט, ער דאווענט אויף איין פלאץ און צום ליינען געפונט ער זיך אין א אנדערע קופקע, מען דארף זיצן אין איין ווינקל איין פלאץ, וויסן אז די שעה איז מיוחד נאר צו תפלה, ס׳זאל נישט אויסקומען אז צוויי מלאכים זאלן ארויפליגן די הענט אויף זיין קאפ און דארפן זאגן אויף אים אז לית ליה חולקא בקודשא בריך הוא, ס׳איז זיכער אז קיין גוטס ברענגט עס נישט, אז מלאכים זאגן אויף איהם ער האט נישט קיין חלק אינעם אייבערשטן, די זוה״ק רופט אים אן, אז ער אז א בר נש דקא מחלל שבתא, ער איז א מחלל שבת.

**אין** די שבתים בעיקר קומען באצייטנס צום דאווענען, תפלה הייבט זיך נישט אן אינמיטן פונעם דאווענען, און נאכדעם איז מען משלים, ס׳איז דא א זמן תפלה

דארף זיך יעדער צושטעלן, און וויסן מ'דארף זיין ביים זמן פונעם דאווענען, ס'איז פאר אים א טובה, א טובה פאר זיינע קינדער, די קינדער קוקן צו וואו דער טאטע קומט אריין אין שוהל, מ'האלט שוין אינמיטן דאווענען. די שעה וואס דער בעל תפלה שטייט פאר'ן עמוד, דארף ער זיין אין ביהמ"ד.

**פרייטאג** צונאכטס מ'טוט דאך נישט קיין מלאכה ממילא, ס'איז דאך שוין שבת, מ'דאווענט א האלבע שעה נאכ'ן זמן, פארוואס זאל נישט זיין פיל די ביהמ"ד תיכף צו הודו, מ'זיצט נאך אינדרויסן קופקעס שמועסן און טרינקן קאווע, דאס איז אזוי ווייט פון ערנסקייט, ס'איז אפילו שווער צו רעדן דערפון, ווייל מ'רעדט דאך באמת צו חשובע אינגעלייט, וואס ווייסן אליין אז ס'איז נישט גוט, מ'דארף זיי נישט אויפקלערן דערויף, נאר פון די רגילות מאכט מען זיך נישט קיין חשבון. פון ווען דער בעל תפלה הייבט אן הודו ביי מנחה פרייטאג צונאכטס, פון ווען די בעל תפלה הייבט אן הודו ביי שחרית, בעט איך קיינער זאל זיך נישט געפונען אין די פאלישן, נישט שמועסן דארטן איינער מיט'ן צווייטן, טרינקן א קאווע איז דא א פלאץ צו טרינקן. אויב איינער האט אמאל א דבר נחוץ וואס ער דארף זאגן פאר'ן חבר, זאל ער ארויסגיין אין דער האל אריין און זאגן די צוויי ווערטער, אין שוהל זאל מען נישט רעדן.

**עס** איז א זמן וואס מ'פארקויפט יעצט די זיצן, די וואס דאווענען פארנט דאווענען בעסער ווי די וואס דאווענען אונטען, דאס איז די מציאות, איך בעט אלע יונגעלייט וואס ווילן זיך נעמען דאווענען זאלן זיך זעהן צו פארשאפן א פלאץ מער פארנט, כדי דאס דאווענען זאל זיין מיט א קול, קול מעורר הכוונה, ס'איז מעורר די אייגענע כוונה ס'איז מעורר יענעמ'ס כוונה, מ'קען זיין ביים דאווענען א זוכה און א מזכה את הרבים, אליין זוכה זיין און מזכה זיין אנדערע.

**אז** מ'רעדט שוין פון תפלה, וועל איך מעורר זיין אויך וועגן די בעלי תפלות, כבד את ה' מגרונך, מכבד זיין דעם אייבערשטן מיט'ן קול, דער וואס קען דאווענען פאר'ן

עמוד, זאל צוגיין דאווענען. דער וואס דאווענט פאר'ן עמוד איז דער שליח פונעם ציבור, און איז מעלה די אלע תפלות. וויאזוי א ש"ץ דאווענט, דאווענט ער הויך, ער דאווענט מיט א ווארימקייט, ברענגט ער דאס אריין אונעם גאנצע'ן ציבור, און טאמער דאווענט ער נישט אזוי, האט ער אראפגעשלעפט די גאנצע ציבור, ווער עס ווייסט ביי זיך אז ער האט א קול, ער קען דאווענען הויך, נישט לאזן זיך בעטן, און צו גיין צום עמוד דאווענען.

**עס** קומט צו זינגן לכה דודי, צו א-ל אדון, בעלי תפלות זינגן אסאך מאל מ'העלפט נישט מיט, עס נעמט אוועק פון די שיינקייט און ווארעמקייט פונעם דאווענען. און ס'איז דא א מצוה אויכעט פון עזוב תעזוב עמו, אסאך מאל די בעלי תפלה קומט אוים זייער שווער אליינס צו זינגן, דער וואס קען זינגן דארף העלפן מיט צו זינגן.

**מ'רעדט** פון זינגן דארף מען מעורר זיין אויף שלש סעודות אויכעט, מ'זינגט זמירות, אסאך מאל איז דא וואס געציילטע וואס זינגן, א גרויס חלק ציבור זיצט נאר מיט אויסהערן וויאזוי יענער זינגט, זמירות איז געמאכט פאר יעדעם איינעם, שירות ותשבחות פאר'ן אייבערשטן, זמירות דארף צו זיין יעדער וואס קען זאל מיטזינגן, און צוהעלפן אז עס זאל ארויסקומען דאס התעוררות וואס מען דארף האבן בשעת מען זינגט פאר'ן אייבערשטן.

**שלש** סעודות איז די שענסטע שעה וואס א איד האט פונעם גאנצע'ן שבת, ס'איז א רעוא דרעוין, די העכסטע עת רצון. מ'איז אויסגערוהט, מ'האט שוין געשלאפן, מ'האט געגעסן, יעדער דארף אראפנעמען א שעה עוסק צו זיין מיט זיך אליין, זינגען שירות ותשבחות פאר'ן אייבערשטער, הערן דברי תורה, דברי מוסר. און ווי עס שטייט אין אגרת הרמב"ן, טראכטן ווען מ'גייט אוועק וואס מ'האט גערעדט, ווען מ'לערנט אדער מען הערט מוסר דארף מען נאכדעם טראכטן וואס מ'קען מיטנעמען פאר זיך פון דעם מוסר. – איך קען עס נישט פארשטיין, באמת, ווי מ'יאגט זיך מוצאי שבת, ביסט גאנץ שבת געווען אינדערהיים ווי האט ער זיך צו יאגן

מוצאי שבת, איך רעדט נישט אמאל מאכט זיך א אויסנאם. פארוואס זאל מען נישט קענען האטשיג די חשובע שעה קענען אוועקגעבן פארן אייבערשטן, מאריך זיין דעם תוספות שבת און זיצן אין ביהמ"ד.

**ס'איז** דא מנינים וואס מ'דאווענט מעריב פרי, ס'דאווענט דא גאנץ א פריע מנין מעריב, און פון וועמען, נישט פון אזעלכע וואס זייער טאטעס האבן זיך אזוי געפירט צו זייער זיידעס האבן זיך אזוי געפירט, יונגעלייט וואס זענען נתחנך געווארן דאהי, און מ'ווייסט אינדערוואכן דארף מען אויך נישט דאווענען אזוי פרי מעריב אז מ'האט א ברירה, מ'זאל נאך נעמען אראפרייסן פון דעם שבת, און שטעלן זיך נאך פאר'ן זמן פון מוצ"ש דאווענען מעריב. האסט עס געזעהן ביי דיין טאטן, ווי האסטו דאס געלערנט, דיין טאטע האט געטוהן אזוי, דיין טאטע אדער דיין רבי האט געדאווענט שבת פרי מעריב. ס'איז זאכן וואס מ'איז נישט משים לב, ס'איס דא א מנין כאפט מען זיך מיט. מ'דארף וויסן די חשיבות פון דער שעה, צדיקים האבן געזאגט 'אין לך אדם שאין לו שעה' גייט ארויף אויף די שעה פון שלש סעודות, דאס איז די שעה וואס א איד דארף האבן פאר זיך.

**סעל-פאנ'ס** ביים דאווענען, מ'קען היינט נישט לעבן אן דעם, מ'דארף וויסן מ'קומט אין ביהמ"ד דאווענען, ביז מ'האט נישט גענדיגט דאס דאווענען דארף דאס נישט אינטערעסירן, מ'האט געלעבט אלע יארן אן א סעלפאן, איז קען מען די צייט וויפיל מ'דאווענט שוין, קובע זיין ביי זיך דאס נישט צו נוצען. ס'האט נישט וואס צו מאכן קיין גערודער, מ'האט נישט נאך וואס דאס ארויס צונעמען. אויב ס'איז יא דא אמאל א וויכטיגע זאך, דארף מען ארויסגיין אינדערויסן, נישט אין ביהמ"ד בשעת מ'דאווענט. עס איז א בושה, איך זעה אסאך מאל יונגעלייט אונמיטן ברכת יוצר אור, שטייט מען און מ'קוועטשט א טעקסט מעסעזש, עס איז נישט צו פארשטיין ווי אזוי ס'קען זיין אזא זאך. ס'איז וואוילע יונגעלייט, מ'כאפט זיך נישט, ס'האט געקלינגן כאפט ער תיכף און קוקט די מעסעזש וואס עס איז אנגעקומען. די שעה וואס

מ'דאווענט זאל זיין א תפלה שלימה, און נישט קוקן אויף די טעלעפאנען, ער וועט עס טרעפן שפעטער אויכט.

**און** אז מ'רעדט פון סעלפאנס, טאר מ'נישט איבערלאזן פון דערמאנען די געוואלדיגע פירצה, פון די אינטערנעט דערויף. ס'איז שוין ב"ה ארויסגעקומען היינט אז מ'קען האבן זשעי-נעט אפילו אויף דעם, מען קומט אין ביהמ"ד דאווענען, איך קען זיך נישט פארשטעלן אז זיין תפלה גייט ארויף, ער האט ביי זיך אין טאש א כלי וואס איז מלא תועבה. קומען צום מלך מלכי המלכים, וואס דער פסוק זאגט ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך, והיה מחניך קדוש, דער אייבערשטער איז שונא תועבות, און קומען צום מלך, און דער מלך זעהט וואס ער האט ביי זיך, וואס מ'איז איהם מבעים מיט די כלי, מיט דעם קומט ער דאווענען, אזא תפלה זאל ווערן אנגענומען, עס לייגט זיך נישט אויפ'ן שכל. אין גמרא (בבא בתרא נז:) שטייט, אז א מענטש גייט אויף א פלאץ וואס מ'קען זעהן וואס מ'דארף נישט, און ער מאכט זיך צו די אויגן און ער זעהט נישט, זאגט די גמרא טאמער איז דא א דרכא אחרינא, ער האט געקענט אוים מיידן דעם וועג, איז אפילו ער איז א פרומער ער זעהט גארנישט, ער קוקט נישט ארוים פון די ד' אמות, זאגט די גמרא ער איז א רשע, בדאיכא דרכא אחרינא איז נישט דא קיין שום היתר אז מ'זאל דאס האבן.

**מ'דארף** מעורר זיין און וויסן די געוואלדיגע פירצה פון אינטערנעט בכלל ביי זיך אין שטוב, און אויף די סעלפאנס, איך בין ממש אויפגעשוידערט געווארן די וואך, ווען א אינגערמאן איז געווען ביי מיר און געזאגט, אז ער איז געווען ביי א פלאץ וואס עס איז געווען א קאמפיוטער מיט אינטערנעט, און עפעס איז קאליע געווארן דארטן, איז געוועזן א שכן'ס א זוהן א קינד פון פינף יאר, איז צוגעגאנגן און געזאגט, די דארפסט דרוקן דעם קנעפל דא אזוי און אזוי, וועט עס גוט ווערן. קינדער פון פינף יאר, דאס איז טייטש עס איז אפען אין שטוב, מ'קען טוהן דערמיט וואס מען וויל. תסמרנה שערות ראש, מענטשן געבן זיך נישט קיין חשבון צו טראכטן וואס מ'טוט אליין, מ'מאכט אן דעם חורבן פאר זיך אליין מיט די בני בית.

**מ'זועט** אי"ה שטעלן גבאים אין ביהמ"ד וואס זאלן זיין ממונה אויף דעם אז מ'זאל נישט רעדן ביים דאווענען, די נעמען וועט זיין ארויסגשטעלט אויף שבת, איך בעט מ'זאל נישט דארפן צוקומען דערצו, אז מ'זאל דארפן מעורר זיין, און טאמער מ'וועט יא צוגיין מעורר זיין א אינגערמאן אין שטול מאכן, זאל ער וויסן אז ער איז מיין שליח, ער איז א שליח בי"ד, ער זאל עס באטראכטן כאילו איך וואלט צוגעגאנגן צו אים. לעולם וואלט איך געדארפט צוגיין צו א אינגערמאן וואס רעדט, נאר איך בין אויך א איד, איך וויל דאווענען, איך קען זיך נישט ארומצודרייען בשעת מ'דאווענט, ס'איז דא אזוי סאך צובעטן פונעם אייבערשטער אז איך קום נישט אן אפילו מיט די תפלות וואס מ'דארף מתפלל זיין. איך זאג אלס נאך, עס שטייט אין יערות דבש (היינט איז זיין יארצייט), אז ער דאווענט שמונה עשרה ביז די ציבור ענדיגט עלינו, און דאס איז מיין איינציגסטע שעה פונעם טאג וואס איך האב דערפון א תענוג און נחת, וואס איך האב נישט נאך אזא שעה אין טאג ווי די שעה וואס איך שטיי פאר'ן אייבערשטער און איך בין מתפלל פאר אים.

**ועל** כולם וואס מ'דארף רעדן, דאס איז קביעת עתים לתורה, ב"ה מ'קען זאגן כמעט די גאנצע ציבור דא אלע זענען זיך משתתף ביי איינע פון די שיעורים פון לימוד התורה, אבער עס איז אלס דא יחידים. חיזוק דארף מען שטענדיג האבן דערויף, וויסן אן קביעת עתים לתורה איז מען נישט קיין איד, ס'איז נישט מעגליך היינט ארויסגיין אויפ'ן גאס, בראתי יצר הרע בראתי לו תבלין, אז מ'האט נישט די תבלין די תורה איז מען נישט קיין איד און נישט קיין גוי. ס'איז נישט מעגליך מ'זאל זיך קענען האלטן ערליך. אלע וואס טוען דערין זאגן, אז מ'קען דערקענען אויף א יונגערמאן אפילו ער האט נאר צען אדער פיפצן מינוט קובע געווען עתים לתורה, איז ער א אנדערער מענטש.

**און** דאס איז געווען די סיבה וואס איך האב צוזאמגערופן דעם ציבור, איך האב געוואלט ארויסברענגן מ'זאל וויסן די חשיבות פון די זמנים וואס מיר שטייען

יעצט, מעורר זיין אויף תורה ותפלה, זיך מקרב זיין צום אייבערשטן. – טעמו וראו כי טוב ה', מ'דארף עס אויספרובירן, צו דאווענען מיט'ן גאנצ'ן הארץ, וועט עטס זעהן ווי שיין די שעה פון די תפלות זענען, ווי שיין עס איז די צייט וואס מ'דאווענט און מ'שטייט און מ'בעט אלעם פונעם אייבערשטן. מ'דארף נישט שפארן קיין ווערטער, וויסן יעדע ווארט פון תפלה וואס מ'זאגט, יעדע קאפיטל תהלים וואס ער זאגט, האט א געוואלדיגע חשיבות און ס'איז עושה רושם.

**איך** האב היינט מהרהר געווען ביי די יהי רצון וואס מ'זאגט ביי תהלים, מ'רעכבענט אויס די זכות פון אמירת תהלים, זכות תיבותיהם וזכות אותיותיהם וזכות נקודותיהם', א פינטעלע פון תהלים, בזכות נקודותיהם, איך רעד שוין נישט פון די אותיות פון די ווערטער, נאר די זכות פון א פינטעלע וואס ליגט אין א ווארט, בעט מען אז דער אייבערשטער זאל אן נעמען די אלע בקשות וואס מ'בעט נאכדעם. עס איז געוואלדיג גרויס די כח פון תפלה, אמירת תהלים, טוב מעט בכוונה מהרבה שלא בכוונה. תהלים וואס מ'זאגט אין חודש אלול וואס יעדער פשוטע איד איז צוויי מאל מסיים אין חודש אלול זאגן תהלים, עפעס זיך צוגרייטן צו די הייליגע טעג, מטהר צו זיין די מויל מיט דברי קדושה.

**זאל** דער אייבישטער געבן, די תפלות וואס אידן זענען מתפלל זאלן ווערן אנגענומען. מ'גייט דאך יעצט אריין אין די גרויסע טעג, מ'האלט שוין אט אט אין די ימי הסליחות, מ'זאל קענען בעטן און מתפלל זיין און דאווענען פאר'ן אייבערשטן, יעדער זאל נעמען אויף זיך צו זיין ביים זמן תפלה אין ביהמ"ד, און בשעת מ'איז אין ביהמ"ד נישט צורעדן, מקדיש זיין די שעה פאר תורה ותפלה. וועט דער אייבערשטער געבן די תפלות זאלן נתקבל ווערן לרחמים ולרצון, יעדער איינער זאל געהאלפן ווערן מיט וואס מ'דארף האבן, בבני חיי ומזוני, דער באשעפער זאל געבן אז מיר אלע זאל'ן זעהן אסאך יודיש נחת ביי אונזערע קינדער און ביי אונזערע דורות, מ'זאל זיין געזונט און שטארק און אריכת ימים ושנים פאר אלע יודישע קינדער, פרנסה בהרחבה פאר יעדן איינעם, און עס זאל זיין א שפע פון ברכה, א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר, א שנת גאולה וישועה, זוכה צוגיין אקעגן משיח צדקינו בב"א.

לעילוי נשמת

הרה"ח ר' שלמה בן הרה"ח ר' חיים ז"ל

נלב"ע ט"ו כסלו תשנ"ג

וזוג' גאלדא לאה בת ר' אליהו ז"ל

נלב"ע ט"ו ניסן תשס"ט

ת.נ.צ.ב.ה.

* * *

ולעילוי נשמת

הרה"ח ר' יחיאל צבי

בן הרה"ח ר' אלעזר הכהן ז"ל

נלב"ע כ"ט אב תשס"ו

ת.נ.צ.ב.ה.

# על הטוב יזכר

ידידנו הרבני הנכבד

מוה"ר ישראל יוסף שטערן הי"ו

עבור שנדב לבו להוצאת הקונטרס

לרגל אירוסי בתו תחי'

עב"ג החתן מרדכי בנימין נ"י

בן מוה"ר שלום בלוי הי"ו

* * *

# על הטוב יזכר

ידידנו האברך החשוב

מוה"ר יואל ניימאן הי"ו

עבור שנדב לבו להוצאת הקונטרס

לרגל הולדת בנו למזל טוב